יִתְרוֹ תשפ"ה
גליון 226

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייִערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייַנער קוואל

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי וָואךְ פוּן מַתַּן תּוֹרָה – פַּרְשַׁת יִתְרוֹ. דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט 'נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק 'יוֹם הַשִּׁישִׁי'. פַאְרוָואס בַּיי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג שְׁטֵייט נָאר 'יוֹם שֵׁנִי' א.א.וו אָבֶּער בַּיים זֶעקְסְטְן טָאג שְׁטֵייט 'יוֹם הַשִּׁישִׁי', וָואס בַּאדֵייט דָאס?

נָאר דָאס קוּמְט מְרַמֵּז זַיין אוֹיף דֶעם זֶעקְסְטְן טָאג פוּן חֹדֶשׁ סִיוָן, דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת – זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאפֶעסְטִיגְט בִּיז דִי אִידְן זֶענֶען בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין תּוֹרָה י"ז דֶעם מַאֲמָר חז"ל אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּלִיבּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. 'בְּרֵאשִׁית' בִּשְׁבִיל רֵאשִׁית – וֶועגְן דִי אִידְן וֶועלְכֶע וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'רֵאשִׁית'. נָאךְ פַאְר'ן בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי נַחַת אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס עֶר וֶועט הָאט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן פוּן יֶעדֶע רִיר פוּן אַ אִיד. אֲפִילוּ וֶוען אַ אִינְגֶל גֵייט אִין גַאס אוּן זַיין פֵּאוֹת שָׁאקְלֶען זִיךְ, אֲפִילוּ מִיט דֶעם שָׁאקְל בַּארִימְט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוּן זָאגְט: "קוּק אָן מַיין צַדִיקְ'ל, עֶר הָאט פֵּאוֹת! זַיינֶע פֵּאוֹת שָׁאקְלֶען זִיךְ!"

חז"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז אַז וֶוען השי"ת הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים גֶע'טַעֲנֶה'ט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן "תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם גֶעבּ דַיין שֵׁיינְקַייט אוֹיף דֶער הִימְל – פַאר אוּנְז מַלְאָכִים". הָאט זֵיי דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפְרֶעגְט: "עֶטְס הָאט אַ יֵצֶר הָרָע?" "עֶנְק הָאבְּן קִנְאָה מִיט שִׂנְאָה?" עֶנְק הָאבְּן תַּאֲווֹת פוּן עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן? "עֶנְק זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם – דָאס מֵיינְט דִי וֶועלְט מִיט אִירֶע תַּאֲווֹת?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין!"

הָאט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט מִצְווֹת וָואס מֶען קֶען טוּן נָאר וֶוען מֶען אִיז אִין אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶער גוּף מִיט אַ יֵצֶר הָרָע אוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אַרוּם. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", 'עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים' מֵיינְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאךְ נַארִישְׁקַייטְן מִיט שְׁטוּתִים אִין קָאפּ! אוּן דַוְקָא פוּן זֵיי הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נַחַת.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה – דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס מִיר לֵיינֶען דִי וָואךְ מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גְרוֹיס נַחַת פוּן אוּנְז אוּן בַּארִימְט זִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע מִצְווֹת אוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מִיר טוּעֶן. בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ – בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע גוּטֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע סְפָרִים צוּ קֶענֶען הַאלְטְן דִי תּוֹרָה מִיט לִיבְּשַׁאפְט. אוּן בְּקָרוֹב אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# פרעג מיין קינד

## קינדער פרעגן, מלמדים ענטפערן

**שְׁאֵלָה: אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין כַּעַס, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן קֶעגְן מַיין כַּעַס וֶוען אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶערֶעגְט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?**

**תְּשׁוּבָה:**

קוֹדֶם כָּל וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ רָצוֹן זִיךְ צוּ טוּישְׁן.

פוּן דַיין שְׁאֵלָה זֶעט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן פוּן דַיין אוֹיפִירוּנְג. זָאל וִויסְן טַייעֶרֶער אִינְגְל אַז דוּ טָארְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין. דִי אַכְט בֶּענְדֶער לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוּן רוֹב פוּן ר' נָתָנ'ס בְּרִיוְון אִין סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה וֶוענְדְן זִיךְ צוּ דַיין פְּרָאבְּלֶעם דִיר צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן דִיר אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז וָואס עֶס זָאל נָאר אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אַ אִיד זָאל מֶער נִישְׁט וֶוערְן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ נָאר זִיךְ הַאלְטְן פֶּעסְט אוּן טוּן וַוייטֶער וָואס מֶען קֶען טוּן.

אֲפִילוּ אַז מֶען פַאלְט חַס וְשָׁלוֹם אַדוּרְך מִיט אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלַן טָאר מֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן זִיךְ וֶועלְן צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶועגְן דֶער עִנְיָן פוּן כַּעַס אִיז דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע זִילְבֶּער גָאלְד אוּן דִימַאנְטְן, אַלֶע גֶעלְט קוּמֶען פוּן דֶעם זֶעלְבְּן אָרְט פוּן וואוּ אִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת קוּמֶען, אוֹיבְּן זֶענֶען דִי בֵּיידֶע זַאכְן - גֶעלְט מִיט נְפָשׁוֹת יִשְׂרָאֵל אִין אֵיין אָרְט. דֶערִיבֶּער ווִיל עֲמָלֵק אַרַיינְבְּרֶענְגֶען כַּעַס אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דוּרְכְדֶעם מַאכְט עֶר שָׁאדְן אַז דָאס גֶעלְט זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְז.

דֶער עִיקָר נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ מָרְדְכַי הַצַּדִּיק וֶועלְכֶער הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי אִידְן מֶען זָאל זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁרַייעֶן אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַנְשְׁטָאט שְׁרַייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף אַנְדֶערֶע זָאל מֶען נֶעמֶען דִי זֶעלְבֶּע הִיץ אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְטְקַייט אוּן נוּצְן צוּם גוּטְן צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועט אוֹיסְוֶועפְּן דִי כַּעַס.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מִיט אַסַאךְ הַמְתָּן זוֹכֶה זַיין צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דַיין רוֹגֶז צוּ רַחֲמָנוּת, זָאלְסְט בַּאקוּמֶען דִי מִדָּה פוּן רַחֲמָנוּת זִיךְ צוּ דֶערְבַּארִימֶען אוֹיף דִיר אוּן אַלֶע דַיינֶע אַרוּמִיגֶע אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת אִין זְכוּת פוּן דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת, אָמֵן.

(קענסט אויך אריינקוקן אין קיצור ליקוטי מוהר"ן אויף תורה נ"ט, ס"ח, ס"ט און די תפלה דערויף וואו ער רעדט פון דער פגם פון כעס. אויך אין ליקוטי הלכות צום סוף דריטע באנד הלכות פורים הלכה ו'.)



# דאס פארברענטע ספר #2

*אין קורצן פון פריער:*

*דער הייליגער רבי שיקט ארויס זיין משמש ר' שמעון קיין ברסלב מיט א שליחות צו פארברענען די כתבים פון א זייער הייליגער ספר וואס ער האט געשריבן אבער ווען ר' שמעון איז שוין געווען נאנט צו ברסלב אין ער פלוצלונג געווארן זייער קראנק ער איז געלעגן אין בעט באזארגט וואס עס וועט זיין מיט די וויכטיגע שליחות*

אַזוֹי לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט שְׁוַואךְ אוּן צוּטְרָאגְן הָאט ר' שִׁמְעוֹן זַ"ל דֶער גֶעטְרֵייעֶר מְשַׁמֵּשׁ פוּן רֶבִּי'ן פְּרָאבִּירְט טְרַאכְטְן פְּלֶענֶער וָואס קֶען עֶר טוּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פְּלוּצְלוּנְג אַזוֹי קְרַאנְק גֶעוָוארְן, וֶוען בִּיז דֶעמָאלְס אִיז עֶר גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פְּרִישׁ אוּן גֶעזוּנְט אַז סְ'אִיז אִים נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אִין ווִיסְטְן חָלוֹם עֶר זָאל אַזוֹי אַרַיינְפַאלְן אִין בֶּעט, דָאס מוּז זַיין אַ מַעֲשֶׂה בַּעַל-דָבָר...

הָאט אִים אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט אַ נַייעֶר גֶעדַאנְק! סְ'אִיז בַּאוואוּסְט אַז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זַ"ל הָאט בַּאפוֹילְן אִיז דָא אוֹיף דֶעם טוֹיזְנְטֶער אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מְנִיעוֹת, אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיין זַאךְ וָואס מֶען וִויל נָאר מְקַיֵּים זַיין, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל-דָבָר וִויל צוּשְׁטֶערְן אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ קֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן פַאר אִידִישְׁקַייט, אִיז אַווַדְאי אוֹיף אַזַא זַאךְ וָואס דָאס לֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן הֶענְגְט אִין דֶעם אִיז זִיכֶער אַז דֶער ס"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ שְׁטַארְק דֶערוֹיף.

אָט דִי גֶעדַאנְק הָאט אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט דִי בִּילְד, ווִי נָאר ר' שִׁמְעוֹן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע קְרֶענְק אִיז נָאר אַ מְנִיעָה אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם רֶבִּי'נְס בַּאפֶעל הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר גֵייט טוּן אַלֶעס וָואס עֶר קֶען אָנְצוּקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב.

עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע זָאלְן אִים



אָנְכַאפְּן אַזוֹי ווִי עֶר שְׁטֵייט אוּן גֵייט צוּזַאמֶען מִיט זַיין בֶּעט אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אַ וָואגְן... עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז ווִילַאנְג עֶר לֶעבְּט וֶועט עֶר פְּרָאבִּירְן טוּן וָואס עֶר קֶען, אוֹיבּ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אֲפִילוּ אַזוֹי קְרַאנְק וֶועט עֶר כָאטְשׁ קֶענֶען שְׁטֶעלְן אַנְדֶערֶע זָאלְן פַארְבְּרֶענֶען דִי סְפָרִים.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה מְ'הָאט אָנְגֶעכַאפְּט ר' שִׁמְעוֹן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְן וָואגְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג קַיין בְּרֶסְלֶב. ווִי נָאר דֶער פֶערְד אוּן וָואגְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, אִיז ר' שִׁמְעוֹן צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע כּוֹחוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיפְן בֶּעט פְּרִישׁ אוּן גֶעזוּנְט אוּן דִי גַאנְצֶע קְרֶענְק אִיז פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן אַזוֹי ווִי אַ ווִילְדֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם, יֶעצְט הָאט ר' שִׁמְעוֹן קְלָאר גֶעווּאוּסְט בַּיי זִיךְ אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מְנִיעָה אִים נִישְׁט צוּלָאזְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעבְּרָאכְן דִי מְנִיעָה אִיז אַלֶעס בָּרוּךְ ה' גֶעקוּמֶען צוּרִיק אִין פְּלַאץ.

עֶר הָאט בַּאלְד גֶענוּמֶען בֵּיידֶע סְפָרִים, אוֹיךְ דֶער סֵפֶר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן אוֹיךְ דִי קָאפִּי וָואס ר' נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוּן הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַ פַייעֶר אוּן מִיט זַייעֶר אַ שְׁוֶוער הַארְץ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי הֵיילִיגֶע כְּתָבִים אִין דִי פְלַאמֶען.

לַיידֶער לַיידֶער הָאבְּן מִיר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַזַא לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַנִּשְׂרָף זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְז, וֶועגְן אוּנְזֶערֶע זִינְד הָאט מֶען גוֹזֵר גֶעוֶוען פוּן הִימְל סְ'זָאל פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן,

אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן נָאר אַפָּאר יָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען אִין דִי פָּאר יָאר הָאט עֶר אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט רִיזִיגֶע אוֹצָרוֹת, ווִי דִי תּוֹרָה פוּן תִּקְעוּ תּוֹכָחָה אוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְ'ס אוּן נָאךְ פִּיל הֵיילִיגֶע יְרוּשׁוֹת, חוּץ פוּן דִי פִּיל שִׂיחוֹת וָואס ר' נָתָן הָאט - אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין דִי יָארְן אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, וָואס דָאס אִיז אוּנְז גֶעבְּלִיבְּן זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיףְ הַיינְט - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין זִיךְ שְׁטַארְקְן אַז ס'אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס אִיז עוֹסֵק אִין תִּיקּוּן הָעוֹלָם אוּן קֶען אוּנְז הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אִין עֲבוֹדַת ה'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַ שָׁאד אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וֶועט וֶוערְן בַּאוואוּסְט אוּן צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט.

ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶעם סֵפֶר וָואס אִיז לַיידֶער פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אִיז נִישְׁט צוּם בַּאשְׁרַייבְּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן דִי קָאפִּי פוּנֶעם סֵפֶר הָאט אִים דֶער רֶבִּי ז"ל גֶעזָאגְט: וֶוען דוּ וֵוייסְט נָאר וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט דָא א.א.וו. הָאט אִים ר' נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט הַכְנָעָה: אַוַודְאַי וֵוייס אִיךְ גָארְנִישְׁט... הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

" דִיא וֵוייסְט גָאר נִיט וָואס דִי וֵוייסְט נִיט"....

ר' נָתָן הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן צוּ עֶפֶּענֶען עֶפֶּעס אַ שְׁפַּאלְט אוּן גֶעבְּן אַ קְלֵיין הַשָּׂגָה אִין דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן טַייעֶרְקַייט פוּן אָט דֶעם סֵפֶר וָואס מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן, מִיר זָאלְן כָאטְשׁ ווִיסְן וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט...

חיי מוהרן קסט' קע'

# לעובדא ולמעשה

ח"י שְׁבָט תקע"א אִיז אַ בַּאדַייטְפוּלֶע טָאג בַּיי דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים. אִין דֶעם טָאג הָאט מֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אנגעצוּנְדְן דֶער נֵר תָּמִיד פוּן שֶׁמֶן-זַיִת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן אוּן דָאס גֵייט נָאךְ אָן בִּיז צוּם הַיינְטִיגְן טָאג.

דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל יֶענֶע צַייט אִיז רַבִּי נַפְתָּלִי דֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק. לַיידֶער הָאט דָאן פַּאסִירְט אַז אַ אִידִישֶׁע מֵיידְל הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַדְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיר טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ גְרוֹיס גֶעוֵויין צוּ רֶבִּי נַפְתָּלִי עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען טוּן אִיר צוּ צוּרִיקְקֶערְן צוּם רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אִיז גֶעוֶוען אַז וויבאלד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אַז: "אִין זְכוּת פוּן דֶער נֵר תָּמִיד וָואס מֶען צוּנְדְ מִיט שֶׁמֶן-זַיִת וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁמַד", הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פַאר דֶעם איד עֶר זָאל מִשְׁתַּדֵּל זַיין צוּ שִׁיקְן שֶׁמֶן-זַיִת צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן פוּן מָאל צוּ מָאל, אוּן דָאס וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער אִיד הָאט גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נַפְתָּלִי אַ קְרִיגְל אוֹיל צוּ טְרָאגְן קַיין אוּמַאן, אוּן פוּן דַאן פְלֶעגְט עֶר טַאקֶע שִׁיקְן פַאר דֶעם נֵר-תָּמִיד בַּיים צִיוּן. דֶער נֵס הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט, ס'אִיז גֶעוָוארְן אַ טוּישׁ בַּיי דֶער מֵיידְל אוּן זִי הָאט זִיךְ טַאקֶע צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אִידִישְׁן פָאלְק צוּם גְרוֹיס פְרֵייד פוּן אַלֶע קְרוֹבִים אוּן מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִידֶער.

אִין יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת וואוּ ר' נָתָן דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי שֶׁמֶן-זַיִת וָואס הָאט זִיךְ בַּאנַייט בַּיים רֶבִּי'נְס צִיוּן ח"י שְׁבָט דֶערְמַאנְט עֶר דָארְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט דַאן פַּאסִירְט.

(אוצר נחמני כפי שסיפר רבי נחמן בורשטיין ז"ל לרבי לוי יצחק ז"ל ושמח לשמוע הסיפור)

# סיפורי מעשיות מעשה י"ג - די זיבן בעטלערס סיום

דֶעם אוֹיסְפִּיר פוּן דֶער מַעֲשֶׂה: דְהַיְינוּ: וָואס ס'אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם 'זִיבֶּעטְן־טָאג', מִיט דֶעם 'בֶּעטְלֶער' וָואס 'אָן־פִּיס'.

און דֶעם אוֹיסְפִּיר פוּן דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ': וָואס דֶערְפוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה.

דָאס הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט. און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, און מְ'וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן, בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן".

(דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזָאגְט): "אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט וִויסְן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר דִי מַעֲשֶׂה – וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ אַ ווִילְד חִידוּשׁ גֶעוֶוען.

וָוארְן דִי מַעֲשֶׂה, אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר.

ס'אִיז אִין אִיר דָא, זֵייעֶר פִּיל מוּסָר, און אַסַאךְ תּוֹרָה. וָוארְן ס'אִיז אִין דֶער מַעֲשֶׂה דָא, אַסַאךְ תּוֹרוֹת.

און זִי שְׁמוּעֶסְט פוּן אַ סַאךְ 'צַדִיקִים־קַדְמוֹנִים' – פוּן 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ' עָלָיו־הַשָּׁלוֹם – וָוארְן 'דָוִד־הַמֶּלֶךְ' אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין עֶק וֶועלְט, און הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּ דֶעם 'קְוַואל', וָואס סְ'גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם 'שְׁטֵיין', וָואס אוֹיף דֶעם 'בַּארְג', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט (בַּיים דְרִיטְן־טָאג)] – אַזוֹי־וִוי אִין תְּהִלִּים שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סא, ג): "מִקְצֵה הָאָרֶץ אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי" וְכוּ'.

דִי זַאךְ פוּן דָוִד־הַמֶּלֶךְ – דָאס קֶער צוּם 'דְרִיטְן־טָאג' – וָוארְן דָארְט שְׁמוּעֶסְט פוּן דֶעם 'הַארְץ', און פוּן דֶעם 'קְוַואל'.

אִין דֶער 'מַעֲשֶׂה', אִיז פַארְהַאנְדְן זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה', פוּן דֶעם 'אָנְהֵייבּ' בִּיז אִין 'אוֹיסְלָאז'.

אַלֶע [דְרַייצְן] מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם [דָאזִיגְן הֵיילִיגְן] סֵפֶר ['סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת'], זֶענֶען דוּרְךְ [לוֹיטֶער] גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה' – אִיטְלֶעכְס וָוארְט, און אִיטְלֶעכֶע זַאךְ, מֵיינְט מֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ – און דִי [דָאזִיגֶע] מַעֲשֶׂה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע".




המשך פון די לעצטע זייט

זֵייעֶר ווִילְן וָואס זֵיי פְּלַאנִירְן אוֹיס. און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ זֵייעֶר בַּאגֶער, קֶען מֶען דֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט אֵיינֶער וָואס קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט און אִיז נִישְׁט אַנְטְקֶעגְן מִיר?...

עֶס אִיז גֶעגְלִיכְנְט צוּ זַאמְד וָואס אַלֶע טְרֶעטְן דֶערוֹיף און אַנְשְׁטָאט זִי זָאל נְקָמָה נֶעמֶען גִיבְּט זִיךְ נָאךְ אַרוֹיס פֵיינֶע עֶסְנְוַוארְג, גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פֵּירוֹת...

מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוֹיף קְרִיגֶערַייעֶן וֶוען אֵיינֶער פְּרִיווְט זִיךְ קְרִיגְן אוֹיף אוּנְז. פַארְקֶערְט, מִיר וֶועלְן אִים מְכַבֵּד זַיין, טַייעֶר הַאלְטְן און אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי קְרִיגֶערַייעֶן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שְׁנֶעל נָאךְ פַארְן זִיךְ אָנְהֵייבְּן.

(ע"פ לקוטי מוהרן רע"ז)

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (15)

**א. איז געווען גרינג פאר'ן רבי'ן צו דערציילן די מעשה פון די זיבן בעטלערס ?**
- ❑ גרינג
- ❑ שווער
- ❑ זייער שווער

**ב. איז אין די מעשה דא א כוונה אין יעדע ווארט אדער נאר אין יעדע ענין?**
- ❑ אין יעדע ווארט
- ❑ אין יעדע ענין
- ❑ אין יעדע בלאט

**ג. וואס פון די מעשה האט דער רבי נישט דערציילט?**
- ❑ וואס ס'איז געווען די זיבעטע טאג
- ❑ וואס איז געווארן מיט דער בן מלך וואס מ'האט אים איבערגעגעבן די מלוכה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס זאגט דער רבי אויב וואלט ער נאר געוואוסט די מעשה?**
- ❑ ער האט נישט גערעדט פון דעם
- ❑ וואלט איך אויך געווען א חידוש
- ❑ וואלט איך אויך א ווילד חידוש געווען

**ה. וואס זאגט דער רבי אז ס'איז דא אין די מעשה?**
- ❑ אסאך תורות
- ❑ זייער פיל מוסר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. אויף וועלכע צדיק האט דער רבי געזאגט אז ער איז מרומז אין דער דריטער טאג?**
- ❑ דוד המלך ע"ה
- ❑ שלמה המלך ע"ה
- ❑ שאול המלך ע"ה

**ז. אויף וועלכע מעשה זאגט דער רבי אז ס'איז גרעסער פון אלע מעשיות וואס ער האט דערציילט?**
- ❑ די מעשה פון חכם ותם
- ❑ די מעשה פון בעל תפלה
- ❑ די מעשה פון די זיבן בעטלערס

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**וועלכע זאך וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה, ווערט אויך דערמאנט אין די פרשה (בשלח) ?**

און דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין חַיִל. זַיי הָאבִּין נָאךְ גְיָאגְט דֶער בַּת מַלְכָּה. זֶענֶען זַיי אַלֶע דֶערְטְרוּנְקֶען גִיוָוארִין אִין וַואסֶער

**וועלכע זאך וואס ווערט דערמאנט אין די מעשה, ווערט אויך דערמאנט אין די פרשת מקץ ?** הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט. און דֶער חָלוֹם אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין הַארְצִין אַרַיין. הָאט עֶר גִירוּפִין אַלֶע פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת

**וויפל מאל ווערט דערמאנט אין סיפורי מעשיות ווען א "חלום" ?**

אין מעשה ד' - הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם וִוי דֶער הִימְל אִיז לוֹיטֶער

אין מעשה ז' - הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם

אין מעשה ח' - און אִיז גִיקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם פָּאטֶער

אין מעשה י' - אַמָאל הָאט זִיךְ גְחָלִימְט דֶער בֶּערְגֶער - אִין דֶער נַאכְט. הָאט זִיךְ מִיר אוֹיךְ גִיחָלִימְט

אין מעשה י"א - אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ צוּ גְעלֵייגְט הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלֶמְט - אַמָאל הָאט זִיךְ אִים גִיחָלֶמְט אַז זַיין תִּיקוּן אִיז. אַז עֶר זָאל אַוֶועק וַוארְפִין דִי מְלוּכָה

אין מעשה י"ג - אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ גִיחָלִימְט. אַז דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִים און הָאט אִים גִיהַרְגִיט

**וויפל מאל ווערט דא דערמאנט דער נומבער "צען" ?**

1. און דָארְט אִיז פַארְהַאנְדִין צֶעהְן מוֹיעֶרְין
2. אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי פַּיילִין
3. וָואס זֵיי זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶעהְן אִירְלֵיי סַמִין
4. אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי צְדָקוֹת
5. אִיךְ וֵוייס אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי דְפֵיקִין
6. דוּרְךְ דִי צֶעהְן פִינְגֶער
7. דוּרְךְ אַלֶע צֶעהְן אִירְלֵיי נִיגוּנִים

**וויפל מאל ווערט דערמאנט אין סיפורי מעשיות ווען א בת מלכה ?**

1. אין מעשה א' 2 אין מעשה ה' 3 אין מעשה י"ב 4 אין מעשה י"ג

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 14 איז**
**הילד החשוב יענקי סולרש, בית שמש כתה ד'**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

## מערק אויף אינטערעסאנטע חילוקים אינעם לשון פונעם רבי'ן ביי אלע זיבן טעג פון די זיבן בעטלערס

## שרייב צו דאס לשון פונעם רבי'ן וועלכע טאג דער רבי האט דאס געזאגט.

אוּן זַיי הָאבְּן אָנְגֶיהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט ______

רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה ______

אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי ... וִוי אִיךְ ______

בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק______

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ ______

אִיז דָארְט גִיוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ גִיוֶען ______

וִוידֶער דֶערְמַאנְט. אִין דֶעם אַנְדֶערְן בֶּעטְלֶער ______

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיוֵויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט ______

וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶה גִיוֶוען ______

אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵי גִיהַאלְזְט אוּן גִיקוּשְׁט ______

אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט ______

אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט ______

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ אַז אִיר זָאלְט לֶעבִּין ______

אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ גִיוָוארִין ______

בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק ______

אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ גִיוָוארְן ______

הָאבִּין זִיךְ חָתָן כַּלָה וִוידֶער דֶערְמַאנְט ______

אוּן הָאבִּין גִיוֵויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט ______

אוּן זָאגְט. אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט ______

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ ______

אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַ הִילוּא גִיטָאן ______

וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד ______

אַז זֵיי הָאבִּין גוֹמֵר גִיוֶוען דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם טָאג אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְנָאךְ אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט ______

הָאבִּין זֵיי זִיךְ וִוידֶער דֶערְמַאנְט ______

אוּן הָאבִּין גִיבֶּענְקְט וְכוּ'______

אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא וְכוּ'______

הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָה אָנְגֶיהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, דִי חֲסָדִים וָואס השי"ת הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן ______

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ ______

אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה זֵייעֶר ______

דֶעם ... טָאג. זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְּרֵיילִיךְ גִיוֶוען ______

הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם בֶּעטְלֶער ______

וָוארִין אַז עֶר זָאל דָא זַיין וָואלְט מֶען זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ גִיוֶוען ______

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ [אַייךְ] דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ ______

הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה מַיין חַיִים טוֹבִים ______

אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה ______

דֶעם ... טָאג זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְּרֵילִיךְ גִיוֶוען ______

אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיבֶּענְקְט. וִוי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם דָאזִיגְן וָואס ______

אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה... אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט ______

# דעם רבינ'ס משלים



## אויס מחלוקת

ר' דָוִד זִיצְט אִין עֶס-צִימֶער פַארְטִיפְט אִין אַ שְׁוֶוערֶע חֶשְׁבּוֹן. פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט עֶר אַ הוֹיכֶע גֶערוּדֶער, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אֶפּ און לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר צוּ דִי שְׁטַארְקֶע קְלַאפֶּעַרייֶען און הַאמֶערִישֶׁע קוֹלוֹת.

עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף און גֵייט אַרוֹיס אִין חָצֵר און וָואס זֶעט עֶר פַאר זַיינֶע אוֹיגְן? זַיין דֶערְנֶעבֶּענְדִיגֶע שָׁכֵן שְׁטֵייט און גְרָאבְּט מִיט אַ הַאק טִיף טִיף גְלַייךְ אִין רִיכְטוּנְג פוּן זַיין הוֹיז. דִי עֶרְשְׁטֶע סְקוּנְדֶע טְרַאכְט דָוִד צוּ זִיךְ, וָוווואאאאסס? מַיין שָׁכֵן גְרָאבְּט אַרַיין אִין מַיין חָצֵר? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן אִים! אִיךְ וֶועלְן אוֹיךְ אַרַיינְגְרָאבְּן אִין רִיכְטוּנְג פוּן זַיין חָצֵר!!

עֶר לוֹיפְט אַרִיבֶּער דֶער גַאס צוּ דֶער גמ"ח בָּארְגְן אַ הַאק, אָבֶּער עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַ מִינוּט: וָואס?! אִיךְ גֵיי אַרָאפְּגְרָאבְּן צוּ זַיין הוֹיף? אִיךְ קֶען נִישְׁט טוּן קַיין גְרֶעסֶער נַארִישְׁקַייט ווִי דֶעם, כְ'וֶועל אִים נִישְׁט מֶער ווִי הֶעלְפְן אָנְקוּמֶען גְרִינְגֶער צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ, אַז אִיךְ וֶועל גְרָאבְּן פוּן מַיין זַייט חָצֵר צוּ זַיינֶעם, און עֶר וֶועט אוֹיךְ מִיר אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען צוּ מַיין חָצֵר, וֶועלְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל בַּאגֶעגֶענֶען, וֶועל אִיךְ אִים גָאר הֶעלְפְן מִיר בַּאגְרָאבְּן קֶעגְן מַיין ווִילְן.

אַנְשְׁטָאט דֶעם, מַאכְט עֶר אַ רִיכְטִיגְן חֶשְׁבּוֹן, וֶועל אִיךְ שְׁטֵיין פוּנְדֶערְזַייט און גִיסְן עֶמֶערְס מִיט זַאמְד און שְׁטֵיינֶער אִין מַיין הוֹיף, דָאס וֶועט צוּבְּרֶענְגֶען אַז ווִיפִיל עֶר זָאל נָאר גְרָאבְּן וֶועל אִיךְ כְּסֵדֶר אָנְפִילְן מֶער און מֶער זַאמְד בַּיי מִיר אִין חָצֵר, אַזוֹי וֶועט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען זִיךְ אַרַיינְצוּבַּאקוּמֶען צוּ מִיר אִין הוֹיף.



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן מָשָׁל אַזוֹי: צוּמָאל מַאכְט זִיךְ אַז מֶענְטְשְׁן ווִילְן קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם און מַאכְן אַ מַחֲלוֹקֶת, זֵיי רֶעדְן שְׁלֶעכְטֶע רֵייד אָדֶער טוּעֶן זֵיי מַעֲשִׂים וָואס קֶען דֶערְצֶערֶענֶען און אוֹיפְרֶעגְן, אוֹיבּ אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ צוּטוּן מַאכְן און וֶועלְן צוּרִיקְגֶעבְּן אָדֶער יֶענֶעם בַּארֶעדְן אָדֶער שֶׁעדִיגְן הֶעלְפְט עֶר גָאר צוּ מְ'זָאל זִיךְ מִיט אִים נָאכְמֶער קְרִיגְן. וַוייל דָאס אִיז וָואס זֵיי ווִילְן 'מַחֲלוֹקֶת'!

אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז כְּדַאי עֶר זָאל גָארְנִישְׁט זִיךְ צוּטוּן מַאכְן פוּן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אָדֶער רֵייד, נָאר זֵיי דָן זַיין לְכַף זְכוּת און אוֹיף וָואס זֵיי טוּעֶן אִים זָאל עֶר צוּרִיקְטוּן אַנְדֶערֶע טוֹבוֹת, צֶעבְּרֶעכְט עֶר

המשך אויף זייט 5

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נחמן יצחק שפירא הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי אהרן ראטנבערג הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר צבי לודמיר הי"ו
לרגל הולדת הבן והנכדה למזל טוב